UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
A Briv un An Entfer (A Letter and a Reply)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/93n54627

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)

**Publication Date**
1979

**Copyright Information**
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# אַ בריוו און אַן ענטפער

טײַערע מלכה טוזמאַן: סעפּט. 25, 1978

זײַנען מיר שוין צוריק פון אַ לאַנגער, שווערער רײַזע און מען הייבט אָן צו מאַכן אַ חשבון הנפש און זיך „גרייטן אויפצונעמען מיין שבת שבתון". ס'ווילט זיך פאַרריכטן עוולות, פאַרבעסערן און פאַרענדיקן דאָס ניט פאַרענדיקטע. אוי, ס'איז דאָ אַזוי פיל צו טאָן! מען אײַלט זיך, מען לויפט... „נאָר צו וואָס דאַרף מען לויפן? איך גיי דאָך פּאַמעלעך." היום קצר? — ניין; „היינט איז אייביק" — זאָגט מלכה טוזמאַן.

לייענען מיר דאָס טאַקע מיט גרויס הנאה, און מען ווערט ניט מיד; מען קען דאָס לייענען און לייענען און יעדעס מאָל געפינען נאָך אַ חידוש, און ווידער הנאה האָבן. ניטאָ די שווערע עקספּערימענטן און ניט די האַמעטנע יאַמבן. קורצע, אָפט מאָל אָפּגעהאַקטע שורות, הייבן זיך אַליין פלינק און גראַציעז אין דער לופטן, ווי צום טאַנץ, און מיר טאַנצן מיט...

כ'וויל זיך ניט אַרײַנלאָזן אין קריטיק; איך — אַ ליטעראַטור-קריטיקער? „הנני העני ממעש". כ'האָב גאָר מורא זיך צו צורירן, צודריבלען און קאַליע מאַכן. כ'האָב מורא כ'וועל „בלאָנדזשען אויף וועגן טונקעלע און קרומע פון אַ לאַבירינט", אַריין אין דעם פּרדס און חלילה ניט אַרויס. נאָר רבי עקיבא האָט באַוויזן די קונסט. אַז ביי אייך „שטילקייט" האָט אַזוי פיל פּנימער, אַזוי פיל אַטריבוטן: אַט איז זי גוט, אַט איז זי קלוג, אַט איז זי גאָר „פאַרטיפט", און אפשר איז די „שטילע שטילקייט", דער קול דממה דקה, וואָס שרייט העכער ווי די קולות וברקים וואָס וועלן הימל אויפרייסן פון שווייגעניש די געוואַלדן? אַוודאי ווייס איך ווי איר לאַכט הינטער מיינע פּלייצעס פון מיינע רייד... איז אַט אָט און דער זייגער שלאָגט שוין באַלד חצות, איז איצט אַ שפּאַן אין נייעם יאָר און מען הייבט אָן שפּינען אַ נייעם חלום.

ווינטשן מיר אייך כל טוב צום נייעם יאָר תשל"ט. תשלט מיינט הערשן און באַהערשן. אונדזער ווונטש צו אייך: באַהערשט די צייט און די נאַטור און האָט נאָך אַ סך געזונטע, שעפערישע יאָרן צו זינגען אייער ליד.

מיט האַרציקן גרויס און אַ דאַנק פאַר אַ בוך לידער.

אייערע — שמחה און שרה לייגער

חשבון פאַרפירט און פאַרשטעלט די קוואַלן וועלכע דאַרפן נערן און האַלטן פריש דעם וויזיע-פיבער פונעם גאַנצן וווּנדער-ווערק.

וווּהין מען זאָל נישט פאָרן אין ישראל ווערט מען באַהערשט פון אַ געפיל ווי מען וואָלט געפאָרן אויף צוריק אין צייט. עס לעבן אויף די וווּנדערלעך דראַמאַטישע סצענעס פון תנ"ך. פון זיך אַליין גייט אויף דער ניגון פון לאַנג-פאַרגעסענע פּרקים וואָס שטעקן טיף אין געמיט שוין אַזוי פיל יאָרן. די בעכטיקע לעגענדע ווערט אַ לעבעדיקער קוואַל פאַר דער היינטיקער ווירקלעכקייט. דעריבער פילט ער אויך דעם שטאַרקן כוח פון דער היינטיקער לעגענדע.

זיפערס פאַרצייכענונגען פון זיינע נסיעות אין ישראל מוז מען אַליין לייענען כדי צו דערפילן זייער זיסן טעם, אפילו ווען מען איז אַליין שוין אויך געווען אין ישראל. דאָס זיינען נישט קיין דערציילונגען נאָר לירישע באַשרייבונגען פון זאַכן און מענטשן, פון טרוימען, בויען און שאַפן. אַלץ לעבט דאָ אויף און קריגט אַ תיקון — ווען געזען מיטן גוטן זיכרון פון אַלע בעכטנס, וואָס שיינען אַרויס פון „אָפן" חומשל, וואָס ער טראָגט אין זיך בירושה פון דור דורות.

טייערע שמחה און שרה לײנער: 30טער סעפט., 1978

אָנהייבן פון אייער בריוו אין מיטן: איר זאָגט, „איך — אַ ליטעראַטור־קריטיקער? גלויבט מיר, אַז אַזאַ לייענער ווי איר איז אויך אַ האַר ניט ווינציקער קריטיקער ווי דער צעפּויקטער סקאַרבאָוועוער קריטיקער...

און אַז מען לייענט „מיט גרויס הנאה" איז די קריטיק אַ נאַטירלעכע און רופט אַרויס אַ שטילע, פרומע פרייד ביים דיכטער, וואָס וויל דורכויס פאַרשאַפן הנאה. און אַז מען זאָגט „מ'קאָן עס לייענען און און יעדעס מאָל געפינען נאָך אַ חידוש" איז דאָס ניט קיין קריטיק? אָדער:

„קורצע, אָפט מאָל אָפּגעהאַקטע שורות הייבן זיך אַליין פלינק און גראַנדיעז און לויפן ווי צום טאַנץ ——— " איז דאָס דען ווינציקער קריטיק ווי „דער קריטיקער"?

און ווייטער: „אַז ביי אייך 'שטילקייט' האָט אַזוי פיל פנימער און אַזוי פיל אַטרי־בוטן..." — איז דאָס ווינציקער ווי אידעלע פאַרטיפטע קריטיק?

און ווייטער: „שוין באַלד חצות אין האַלבער נאַכט איז איצט אַ שפּאַן אין נייעם יאָר און מען הייבט אָן שפּינען אַ נייעם חלום" — איז דאָס ווינציקער ווי פּאָעזיע?

פאַרוואָס־זשע זענט איר און שרה ניט צוגעקומען צו מיר, אַז איך זאָל אויך אייערע פּנימער דערקענען? דאָס איז מיר אַ שאָד.

צי ווייסט איר ניט ווי עלנט ס'איז איצט אַ יידיש־דיכטער?

ווייסט איר ניט, אַז אַזאַ בריוו ווי אייערער טוט אָן פּליגלען דעם ליד?...

דאַנקט און בענטשט אייך צום נייעם יאָר — פון האַרצן — אייער —

מלכה חפץ טוזמאַן

---

## פון דער „חשבון" פאַרוואַלטונג

### חשובע „חשבון" לייענערס:

ניט געקוקט אויף די זייער פיל געהעכערטע הוצאות פון אַרויסגעבן אונדזער־אייער זשורנאַל, האָבן מיר זיך אָפּגעהאַלטן פון העכערן זיין אַבאָ־נימענט פּרייז. מיר ווענדן זיך אָבער צו אייך: העלפט אונדז אַרויס מיט דעם, וואָס איר וועט שאַפן פאַר אונדז נייע אַבאָנימענטן, און פאַר דעם דאַנקען מיר אייך אין פאָרויס.

די פאַרוואַלטונג

"HESHBON" — G. FRYDMAN, *Fin. Secretary*
337½ No. Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048